**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:13
מוצאי שב"ק.....................9:43

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................נחמיה ג'-ד'
בבלי.......................יבמות קי"ז
ירושלמי.....................מכות ג'
תוספתא.................טהרות ח'
רמב"ם.....................מקואות י'

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת קרח, ג' תמוז, אבות פרק ד', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 44 (559)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיִּקַּח קֹרַח, אִין דִי וָואכְנְדִיגֶע פַּרְשָׁה לֶערְנֶען מִיר וִוי אַזוֹי קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעקְרִיגְט אוֹיף מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן צוּם סוֹף זֶענֶען זֵיי אַיינְגֶעזוּנְקֶען אִין דֶער עֶרְד.

רַשִׁ"י זָאגְט, וְקֹרַח שֶׁפִּקֵּחַ הָיָה, מַה רָאָה לִשְׁטוּת זֶה, קֹרַח אִיז דָאךְ גֶעוֶוען קְלוּג, פַּארְוָואס הָאט עֶר גֶעטוּן אַזַא שְׁטוּת? קֶען מֶען זָאגְן אַז דָאס אִיז טַאקֶע דֶער תֵּירוּץ, טַאקֶע דֶערְפַּאר וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועןאַזוֹי קְלוּג, אִיז עֶר אַזוֹי דוּרְכְגֶעפַאלְן אוּן גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע מַפָּלָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן י"ט) אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אוּן שְׁלֵימוּת פוּן אַ אִיד אִיז וֶוען עֶר דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיט תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן חֲקִירוֹת. וַוייל סְ'זֶענֶען דָא מְחַקְרִים וָואס זָאגְן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז צוּ פַארְשְׁטֵיין אוּן אַרוֹיסְהָאבְּן יֶעדֶע זַאךְ מִיט אַ קְלָארְקֵייט, פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶע זַאךְ וִוי אַזוֹי עֶס אַרְבֶּעט אוּן וָואס עֶס אִיז, דָאס אִיז בַּיי זֵיי דִי גְרֶעסְטֶע תַּעֲנוּג. דֶער פְּרָאבְּלֶעם מִיט דֶעם אִיז אָבֶּער אַז צוּ דֶעם קֶענֶען נָאר צוּקוּמֶען אַ קְלֵיינֶע צָאל מֶענְטְשְׁן, דִי וָואס זֶענֶען זֵייעֶר קְלוּג אוּן גֶערִיבְּן, וָואס זָאלְן אָבֶּער טוּן דִי פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן? פַארְוָואס זֶענֶען זֵיי בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט? נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית פַארְוָואס מִיר זֶענֶען אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז נָאר צוּ טוּן דִי מִצְוֹות פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פְּשׁוּטֶערְהֵייט אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, מְ'דַארְף נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס יֶעדֶע זַאךְ אִיז וִוי אַזוֹי עֶס אִיז, פַארְוָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן טוּן דִי מִצְוֹת, נָאר פָּשׁוּט טוּן לְמַעֲשֶׂה אַלֶע מִצְוֹת, אוּן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם. דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט דָאס אַרַיין אִין פָּסוּק (קֹהֶלֶת י"ב, י"ג) **סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹהִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר כִּי זֶה כָּל הָאָדָם**, שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס אַז דֶער תַּכְלִית פוּן אַ אִיד אִיז נָאר מוֹרָא צוּ הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן צוּ הִיטְן זַיינֶע מִצְוֹת, וַוייל כִּי זֶה 'כָּל' הָאָדָם, וַוייל דָאס קֶען יֶעדֶער מֶענְטְשְׁן בַּאוַוייזְן, דָאס אִיז נִישְׁט נָאר פַאר גָאר קְלוּגֶע מֶענְטְשְׁן.

מִיט חָכְמוֹת קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן, דָאס נֶעמְט נָאר אַוֶועק אַ אִיד פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער עִיקָר אִידִישְׁקֵייט אִיז תְּמִימוּת אוּן פְּשִׁיטוּת, צוּ טוּן אַלֶע מִצְוֹת אַזוֹי וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן, אוּן וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן עֶס עֶרְקְלֶערְט, אוּן סְ'אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין חִילוּק פַארְוָואס אוּן פַארְוֶוען. אֲפִילוּ דִי סְפָרִים פוּן גְדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל וָואס הָאבְּן מַסְבִּיר גֶעוֶוען אוּן גֶעגֶעבְּן טַעֲמִים אוֹיף מִצְוֹת, וִוי לְמָשָׁל דֶער סֵפֶר הַחִינוּךְ, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז דָאס אִיז טַאקֶע דִי אוֹיסְשְׁלִיסְלִיכֶע טַעֲמִים פוּן דִי מִצְוֹת, נָאר צוּ מְקָרֵב זַיין אַבִּיסְל דִי מִצְוָה צוּ אוּנְזֶער שֵׂכֶל בְּדֶרֶךְ דְרוּשׁ, אָבֶּער דִי מִצְוָה אַלֵיין דַארְף זַיין בַּיי אוּנְז אַ חֹק בְּלִי טַעַם, צוּ טוּן דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט חָכְמוֹת אִין דִי מִצְוֹת אַלֵיין, אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אִיבֶּער צִי עֶר הָאט טַאקֶע יוֹצֵא גֶעוֶוען, אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי מִצְוָה מִיט אַלֶע חוּמְרוֹת אוּן דִקְדוּקִים, וֶועט דָאס אִים אוֹיךְ נָאר דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט אִים אַוֶועקְנֶעמֶען דֶעם אַפֶּעטִיט צוּ טוּן אַ מִצְוָה. **דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען מְ'לֵייגְט אַלֶע חָכְמוֹת אִין אַ זַייט, אוּן מְ'טוּט וָואס אוּן וִוי אַזוֹי מְ'קֶען דָאס בֶּעסְטֶע, אוּן מְ'פְרֵייט זִיךְ מִיט יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מְ'אִיז זוֹכֶה מְקַיֵּים צוּ זַיין.**

קֹרַח אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חָכָם אוּן אַ חוֹקֵר, "קֹרַח" אִיז דִי זֶעלְבֶּע אוֹתִיּוֹת וִוי "חֵקֶר", קֹרַח אִיז גֶעוֶוען אַ פִּקֵּחַ, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען מִיט גַאנְצֶע חָכְמוֹת אוּן טַעֲנוֹת אוֹיף יֶעדֶע מִצְוָה, אוֹיבּ אֵיין פָּאדֶעם פוּן תְּכֵלֶת פַּטְרְ'ט דֶעם גַאנְצְן קְלֵייד, אִיז דָאךְ אַ קְלֵייד וָואס אִיז גֶעמַאכְט נָאר פוּן תְּכֵלֶת זִיכֶער פָּטוּר פוּן צִיצִית, אוֹיבּ אֵיין מְזוּזָה פַּטְרְ'ט דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, אִיז דָאךְ אַ שְׁטוּבּ פוּל מִיט סְפָרִים זִיכֶער פָּטוּר פוּן מְזוּזָה. פַארְוָואס הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער אַיינְגֶערֶעדְט אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט וִוי אַזוֹי דִי מִצְוָה פוּן מְזוּזָה אַרְבֶּעט, וִוי אַזוֹי דִי מִצְוָה פוּן צִיצִית אַרְבֶּעט? דָאס אַלֶעס אִיז גֶעקוּמֶען פוּן זַיינֶע חָכְמוֹת אוּן חֲקִירוֹת, אוּן דָאס הָאט אִים טַאקֶע גֶעפִירְט אִין דֶער עֶרְד אַרַיין.

(תּוֹךְ הַנַּחַל קֹרַח תשס"א)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### צְוֵויי גֶעזוּנְטֶע אוֹיעֶרְן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה י"ג, דֶעם צְוֵוייטְן טָאג) אִיבֶּער דֶעם הֵיילִיגְן בֶּעטְלֶער, דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער, וָואס הָאט גֶעזָאגְט, "אִיר מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין טוֹיבּ? אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט טוֹיבּ, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט טְרֶעפְט בַּיי מִיר גָארְנִישְׁט אָן אַז אִיךְ זָאל הֶערְן זֵייעֶר חִסָרוֹן, וַוייל אַלֶע קוֹלוֹת פוּן דֶער וֶועלְט זֶענֶען דָאךְ נָאר פוּן חִסְרוֹנוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שְׁרֵייט אוֹיף זַיין חִסָרוֹן, דְהַיְינוּ אוֹיף דֶעם וָואס עֶס פֶעלְט אִים. אוּן אֲפִילוּ אַלֶע שִׂמְחוֹת פוּן דֶער וֶועלְט זֶענֶען אַלֶע נָאר פוּן חִסְרוֹנוֹת, וָואס מֶען פְרֵייט זִיךְ אוֹיף דֶעם וָואס עֶס הָאט גֶעפֶעלְט בִּיז יֶעצְט אוּן הַיינְט הָאט מֶען שׁוֹין דָאס וָואס הָאט גֶעפֶעלְט; אוּן בַּיי מִיר אִיז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט גָארְנִישְׁט
<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט: "כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת", וַוייזְט מֶען אִים הִתְרַחֲקוּת, מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן וִוי מֶען אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען ווִיל אִים נִישְׁט, מֶען הָאט אַזוֹיפִיל בִּלְבּוּלִים מִיט חֲלִישׁוּת הַדַּעַת. "וְכָל הַנַּ"ל עָבַר עַל כָּל הַצַּדִּיקִים, כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְנוּ מִפִּיהֶם בְּפֵירוּשׁ, שֶׁנִּדְמֶה לָהֶם שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֵין מִסְתַּכֵּל וּפוֹנֶה אֲלֵיהֶם כְּלָל", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן צַדִיקִים, זֵיי הָאבְּן אַלֶע אַזוֹי גֶעשְׁפִּירְט, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז מֶען הֶערְט זֵיי נִישְׁט אוֹיס, נָאר וָואס דֶען? זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט, זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט זֵייעֶר וִוילְן, נָאר אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח).

וֶוען מִיר דַארְפְן דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ פוּנֶעם סַמַּ"ךְ מֶ"ם; וֶוען עֶס קוּמְט צוּ טוּן רְצוֹן הַשֵּׁם, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען עֶס טוּן מִיט שִׂמְחָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת שִׂמְחָה, סִימָן א): "כְּשֶׁאָדָם עוֹשֶׂה מִצְוָה בְּשִׂמְחָה", וֶוען מֶען פְרֵיידְט זִיךְ בַּיים טוּן אַ מִצְוָה, "זֶה סִימָן שֶׁלִּבּוֹ שָׁלֵם לֵאלֹקָיו", אִיז אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אִינְגַאנְצְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיר וֶועט זֶען אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, וֶוען מֶען מַאכְט זִיךְ אַ קַאוֶוע, אָדֶער עֶסְן, דֶעמָאלְט קוּמֶען נִישְׁט אַרַיין דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט בַּיים עֶסְן: 'בִּין אִיךְ דֶען רָאוּי צוּ עֶסְן?' 'בִּין אִיךְ דֶען וֶוערְד פַאר אַ קַאוֶוע?' וֶוען עֶס קוּמְט צוּ מִצְוֹות, פְּלוּצְלוּנְג פוּן אוּנְטֶער דִי עֶרְד קוּמְט צוּ גֵיין דֶער סַמַּ"ךְ מֶ"ם מִיט דִי מַחְשָׁבוֹת זָרוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים אַרָאפְּצוּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ב)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# דָאס שְׁוֶוער לֶעבְּן פוּן אַ גֶעצֶערְטְלְט קִינְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ג סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אֵייעֶר מַאן וְכוּ'; אִיר שְׁרַייבְּט אִיר זֶענְט אַלֶע יָארְן גֶעוֶוען אַ גֶעצֶערְטְלְט קִינְד, וָואס אִיר הָאט גֶעוָואלְט - הָאט מֶען אַייךְ נָאכְגֶעגֶעבְּן, אוּן יֶעצְט אִיז דָאס אַייךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער; וֶוען אֵייעֶר מַאן טוּט נִישְׁט גְלַייךְ וָואס אִיר ווילְט, וֶוערְט אִיר בְּרוֹגֶז, אִיר הוֹיבְּט אָן זִיךְ אוֹיפְעֶסְן - בִּיז עֶס פְּלַאצְט אוֹיס; אִיר בֶּעט אַן עֵצָה.

עֶרְשְׁטְנְס זָאלְט אִיר ווִיסְן, וֶוען מֶען וֵוייסְט אַז מֶען הָאט אַ פְּרָאבְלֶעם אוּן מֶען בֶּעט הִילְף - אִיז מֶען שׁוֹין כִּמְעַט אַ גֶעהָאלְפֶענֶער, דִי צָרָה אִיז וֶוען מֶען ווִיל נִישְׁט מוֹדֶה זַיין אַז מֶען הָאט אַ פֶּעלֶער, אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט הִילְף; אִיר זָאגְט, הֶעלְפְט מִיר, אִיךְ בִּין גֶעצֶערְטְלְט, אִיךְ מֵיין אַלֶעס קוּמְט מִיר, אִיךְ טְשֶׁעפֶּע מַיין מַאן - דִי פְּרוֹי אִיז שׁוֹין כִּמְעַט גֶעהָאלְפְן.

דִי עֵצָה אִיז תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת. בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ, זָאגְט אִים ווִי אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אִיר זֶענְט. וַוייל קִינְדֶער וָואס וַואקְסְן אוֹיף גֶעצֶערְטְלְט וְכוּ', יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען - דִי זֶענֶען אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת, דִי קֶענֶען נִישְׁט לֶעבְּן; זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי תְּפִלָּה:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז קֵיינֶער קוּמְט מִיר גָארְנִישְׁט; מַיין מַאן אִיז נִישְׁט מַיין קְנֶעכְט, מַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט מַיינֶע קְנֶעכְט, מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט מַיינֶע קְנֶעכְט, אַלֶע זֶענֶען מִיר קְנֶעכְט פַאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין דַיין קְנֶעכְט; אִיךְ, מַיין מַאן אוּן מַיינֶע קִינְדֶער דַארְפְן דִיךְ דִינֶען, מִיר זֶענֶען נָאר דַיינֶע קְנֶעכְט.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קוּקְן גוּט אוֹיף מַיין מַאן, אִיךְ זָאל אִים לִיבּ הָאבְּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר טְרַאכְט אַנְדֶערְשׁ פוּן מִיר, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אִים בְּשָׁלוֹם אֲפִילוּ עֶר טוּט נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ ווִיל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֶען אִין אִים נָאר גוּטְס.

אֵייבֶּערְשְׁטֶער, רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן דִי נֶעגְל פוּנֶעם סַמ"ךְ מֶ"ם; אִיךְ הָאבּ אַזֶעלְכֶע פַארְבִּיסֶענֶע נַאטוּרְן, אִיךְ רֶעד מִיט הַאס צוּ אַנְדֶערֶע, בְּעִיקָּר צוּ מַיין מַאן; אִיךְ שַׁאף אוֹיף אִים אַזוֹי ווִי מֶען שַׁאפְט אוֹיף אַ קְנֶעכְט: "טוּ מִיר", "מַאךְ מִיר", "אִיךְ הֵייס דִיר", "אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעזָאגְט טוֹיזְנְט מָאל", "דוּ הֶערְסְט נִישְׁט?" הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, פַארְוָואס רֶעד אִיךְ אַזוֹי צוּ אִים? פַארְוָואס רֶעד אִיךְ נִישְׁט וֵוייךְ, שֵׁיין אוּן זִיס? וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אַ גוּטֶע פְרוֹי? וֶוען וֶועל אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן? וֶוען וֶועל אִיךְ מְכַבֵּד זַיין מַיין מַאן? וָואס מֵיין אִיךְ אַז אִיךְ בִּין? וֶוער בִּין אִיךְ דֶען? אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַזוֹיפִיל וָואס צוּ פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי וַוייט פוּן זַיין גוּט!

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גֶעבּ מִיר אֱמוּנָה; שַׁיין אַרַיין אִין מִיר דִי לִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס אִיז נָאר דוּ, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט - נָאר דוּ. מַיין מַאן, מַיינֶע קִינְדֶער - אַלֶעס אִיז פוּן דִיר. אַז עֶס גֵייט מִיר ווִי אַזוֹי אִיךְ ווִיל - אִיז דָאס פוּן דִיר, אוּן אַז עֶס גֵייט נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיךְ ווִיל - אִיז דָאס וַוייטֶער פוּן דִיר, אוּן אַז עֶס אִיז אַלֶעס פוּן דִיר - אִיז דָאךְ אַלֶעס גוּט, אִיז נִישְׁטָא אוֹיף וָואס זִיךְ צוּ רֶעגְן".

אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; לֵייגְט צוּ אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת - וֶועט אִיר מִיט דִי צַייט אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן אֵייעֶר שְׁוֶוערֶע גָלוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

וֶוערְד אַז אִיךְ זָאל הֶערְן זֵייעֶר חִסָּרוֹן, וַוייל אִיךְ לֶעבּ אַזַא חַיִּים טוֹבִים וָואס עֶס הָאט גָאר קֵיין שׁוּם חִסָּרוֹן נִישְׁט".

דֶער טוֹיבֶּער בֶּעטְלֶער הָאט דֶערְצֵיילְט בַּאֲרִיכוּת ווִי אַזוֹי עֶר הָאט אַזַא גֶעשְׁמַאקֶע אוּן גוּטֶע לֶעבְּן, עֶר לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים, אַלֶעס וַוייל עֶר פַארְמַאכְט זַיינֶע אוֹיעֶרְן, עֶר הֶערְט זִיךְ נִישְׁט צוּ צוּ דִי נַארִישְׁקֵייטְן פוּן דֶער וֶועלְט.

אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן הָאבְּן פְּחָדִים, אַ מֶענְטְשׁ הֶערְט גוּטֶע זַאכְן וָואס אַנְדֶערֶע הָאבְּן, אוּן עֶר הוֹיבְּט אָן מְקַנֵּא צוּ זַיין יֶענֶעם, אַזוֹיפִיל פְּרָאבְלֶעמֶען הוֹיבְּן זִיךְ אָן בְּלוֹיז מִיט הֶערְן צוּפִיל אִיבְּרִיגֶע זַאכְן, וָואס אוֹיבּ וָואלְט מֶען אַבִּיסְל גֶעהִיטְן אוֹיף דִי אוֹיעֶרְן, וָואלְט מֶען עֶס גְרִינְגֶערְהֵייט גֶעקֶענְט אַיינְשְׁפָּארְן.

גָאר אַסַאךְ צָרוֹת אוּן פְּרָאבְלֶעמֶען קֶען מֶען פַארְמַיידְן מִיט דֶעם וָואס מֶען הָאט נִישְׁט אַזֶעלְכֶע אָפֶענֶע אָנְגֶעשְׁפִּיצְטֶע אוֹיעֶרְן, מִיט דֶעם וָואס מֶען הַאלְט זִיךְ צוּרִיק פוּן הֶערְן אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ אַרוּם זִיךְ, אוּן בִּכְלַל פוּן צוּ הֶערְן סְתָם אִיבְּרִיגֶע נַארִישֶׁע זַאכְן וָואס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט.

חֲזַ"ל זָאגְן (כְּתוּבּוֹת ה'.) "דָּרַשׁ בַּר קַפָּרָא, מַאי דִכְתִיב (דְּבָרִים כ"ג, י"ד) וְיָתֵד תִּהְיֶה לְךָ עַל אֲזֵנֶךָ, אַל תִּקְרֵי אֲזֵנֶךָ אֶלָּא עַל אָזְנֶךָ, שֶׁאִם יִשְׁמַע אָדָם דָּבָר שֶׁאֵינוֹ הָגוּן יַנִּיחַ אֶצְבָּעוֹ בְּאָזְנָיו", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי פִינְגֶערְס זֵיי זָאלְן זַיין שְׁפִּיצִיג, אַז אוֹיבּ הֶערְט אַ מֶענְטְשׁ עֶפֶּעס וָואס טוֹיג נִישְׁט, זָאל עֶר אַרַיינְשְׁטֶעקְן דִי פִינְגֶער אִינֶעם אוֹיעֶר, עֶר זָאל נִישְׁט קֶענֶען הֶערְן זַאכְן וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט הֶערְן. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם) "תָּנָא דְּבֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל, מִפְּנֵי מָה אוֹזֶן כּוּלָּהּ קָשָׁה וְהָאַלְיָה רַכָּה? שֶׁאִם יִשְׁמַע אָדָם דָּבָר שֶׁאֵינוֹ הָגוּן, יָכוֹף אַלְיָה לְתוֹכָהּ. פַארְוָואס אִיז דֶער גַאנְצֶער אוֹיעֶר הַארְט אוּן נָאר דֶער לֶעפְל פוּנֶעם אוֹיעֶר אִיז וֵוייךְ? אַז אוֹיבּ הֶערְט מֶען עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט, זָאל מֶען אַרַיינְבֵּייגְן דֶעם לֶעפְל אִינֶעם אוֹיעֶר אוּן זִיךְ נִישְׁט צוּהֶערְן. אַזוֹי וַוייט הָאבְּן חֲזַ"ל אוּנְז גֶעוָוארְנְט אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן אוֹיף דִי אוֹיעֶרְן.

אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר וֶועט קְלוּג וֶוערְן אוֹיבּ וֶועט עֶר אוֹיסְהֶערְן וָואס יֶעדֶער נַאר הָאט צוּ זָאגְן אוּן פַּארְקוֹיפְן, דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין סִימָן פוּן קְלוּגְשַׁאפְט, עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם, "אַ מֶענְטְשׁ מִיט גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן, אִיז אַ גְרוֹיסֶער שׁוֹטֶה", דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער פִיזִישֶׁער אוֹיעֶר אִיז גְרוֹיס, נָאר אֵיינֶער וָואס מוּז אַרַיינְשְׁטֶעקְן אַן אוֹיעֶר אִיבֶּעראַל, עֶר מוּז הֶערְן וָואס יֶעדֶער הָאט צוּ רֶעדְן, עֶר מוּז הֶערְן אַלֶע נַייעֶס, עֶר מוּז מִיטְהַאלְטְן אַלֶעס וָואס טוּט זִיךְ, אַלֶעס וָואס יֶעדֶער רֶעדְט, אוּן שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט וֶוען מֶען הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ רֵייד פוּן מִינִים אוּן אֶפִּיקוֹרְסִים, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דָאס אִיז וָואס בְּרֶענְגְט אַלֶע צָרוֹת אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, דָאס אִיז וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אִיבְּרִיגֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּחָדִים, דָאס בְּרֶענְגְט אִים אַרַיין קִנְאָה וָואס בְּרֶענְגְט צוּ שִׂנְאָה, אוּן נָאכְדֶעם וַוייטֶער צוּ פִּילֶע פְּרָאבְלֶעמֶען אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער קוֹיפְט זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אַיין אַזוֹיפִיל שְׁוֶועריקֵייטְן אִין לֶעבְּן וָואס וָואלְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיסְגֶעפֶעלְט, עֶר וָואלְט אַלֶעס גֶעקֶענְט אוֹיסְמַיידְן בְּלוֹיז מִיטְ'ן הִיטְן דִי אוֹיעֶרְן.

אוּן דָאס אִיז דִי בְּחִירָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַלֵיין, ווִי דֶער מַאֲמַר הֶחָכָם, "וֶוער עֶס ווִיל נִישְׁט הֶערְן, זָאל פַארְשְׁטָאפְּן זַיינֶע אוֹיעֶרְן", אַ מֶענְטְשׁ מוּז נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן אַלֶעס וָואס יֶעדֶער פְּלוֹידֶערְט, אַז מֶען זֶעט אַ קוּפְּקֶע שְׁמוּעֶסְן מוּז מֶען זִיךְ נִישְׁט אַלְץ אַרַיינְשְׁטוּפְּן דִי נָאז דָארְט צוּ הֶערְן אוּן מִיטְהַאלְטְן, מֶען קֶען רוּאִיג גֵיין וַוייטֶער אוּן מֶען וֶועט גָארְנִישְׁט פַארְפַּאסְן עֶפֶּעס ווִיכְטִיג צוּם לֶעבְּן. אוֹיבּ אִיז דָא עֶפֶּעס נֵייטִיג וָואס דוּ דַארְפְסְט ווִיסְן, וֶועט מֶען שׁוֹין קוּמֶען צוּ דִיר עֶס דֶערְצֵיילְן, אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ אַרַיינְמִישְׁן אִיבֶּעראַל, מֶען שְׁפָּארְט זִיךְ נָאר אַיין פִּילֶע צָרוֹת.

חֲזַ"ל זָאגְן (שָׁם) "תָּנוּ רַבָּנָן, אַל יַשְׁמִיעַ אָדָם לְאָזְנָיו דְּבָרִים בְּטֵלִים מִפְּנֵי שֶׁהֵן נִכְווֹת תְּחִלָּה לְאֵיבָרִים", אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט לָאזְן זַיינֶע אוֹיעֶרְן הֶערְן נַארִישְׁקֵייטְן, וַוייל דִי אוֹיעֶרְן זֶענֶען דִי עֶרְשְׁטֶע וָואס וֶוערְן אָפְּגֶעבְּרִיעֶט. דִי אוֹיעֶרְן וָואס דַארְף הֶערְן יֶעדֶע שְׁטוּת, וֶוערְן דִי עֶרְשְׁטֶע אָפְּגֶעבְּרִיעֶט, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען דָאס מֶערְסְטֶע הִיטְן דִי אוֹיעֶרְן.

אַז מֶען ווִיל מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, דַארְף מֶען נוּצְן דִי אוֹיעֶרְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג, אַרַיינְנֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי אוֹיעֶרְן, הֶערְן נָאר דֶעם קוֹל פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס מֵיינְט אַז מֶען יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הֶערְט זָאל מֶען נֶעמֶען אַלְס רֶמֶז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט עֶפֶּעס זָאגְן ווִי אַזוֹי עֶר דַארְף זִיךְ פִירְן; אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הֶערְט מֶען זִיךְ צוּ צוּם קוֹל פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, צוּם קוֹל פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אוּן צַדִּיקִים וָואס לֶערְנֶען אוּנְז דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן; אוּן דַאן וֶועלְן מִיר הָאבְּן דִי שֶׁענְסְטֶע הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

דָאס לֶעבְּן אִיז פִיל שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער וֶוען מֶען מִישְׁט ווִי וֵוייניגֶער אַ קַאשֶׁע, וָואס אִיךְ דַארְף הֶערְן וֶועט מֶען מִיר שׁוֹין קוּמֶען דֶערְצֵיילְן, אוֹיסֶער דֶעם הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן אוּן זִיךְ מִישְׁן.

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרַ"ש דֶערְצֵיילְט

"נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעגֶעבְּן צְוֵויי אוֹיעֶרְן אוּן אֵיין מוֹיל" - הָאט דֶער חָכָם זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט - "נָאר אַז מִיר זָאלְן הֶערְן מֶער פוּן וִויפִיל מִיר רֶעדְן", דָאס הֵייסְט אַז אֵיינֶער קוּמְט מִיר עֶפֶּעס דֶערְצֵיילְן, וֶועל אִיךְ אִים אוֹיסְהֶערְן מִיט בֵּיידֶע אוֹיעֶרְן, אָבֶער אַז אִיךְ זָאל זִיךְ גֵיין מִישְׁן אִין פְּלֶעצֶער וואוּ אִיךְ קוּם נִישְׁט אַרַיין, אִיךְ זָאל הֶערְן פוּן דֶעם אוּן אִיבֶּערְזָאגְן פַאר יֶענֶעם, דָאס וֶועט מִיר נָאר בְּרֶענְגֶען פְּלָאנְטֶער אִין לֶעבְּן.

אוֹיף דֶעם וֶועלְן מִיר יָא נוּצְן דִי אוֹיעֶרְן, זִיךְ גוּט צוּצוּהֶערְן צוּ דִי וֶוערְטֶער וָואס מִיר הָאבְּן יֶעצְט גֶעלֵיינְט, דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען פִּיל הַצְלָחָה אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(קוּנְטְרֵס זַיי מַצְלִיחַ)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וֶוען דִי מַאמֶע אִיז מְצַעֵר דֶעם טַאטְן

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פִּיל אַבִּיסְל שְׁלֶעכְט מִיט מַיינֶע פִילֶע שְׁאֵלוֹת, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶער טוּן אַז סְ'אִיז מִיר שְׁוֶוער.

אִיךְ דַארְף זֵייעֶר וִויכְטִיג חִיזּוּק אוֹיף מְכַבֵּד צוּ זַיין מַיין מַאמֶע. אִיךְ רֶעד דַוְקָא פוּן מַיין מַאמֶע אוּן נִישְׁט פוּן מַיין טַאטֶע, וַוייל אִיךְ זֶע וִוי מַיין מַאמֶע לֵייגְט אַוֶועק מַיין טַאטֶע, עֶר גֵייט צוּגְרוּנְד פוּן אִיר, זִי אִיז אִים זֵייעֶר נִישְׁט מְכַבֵּד, שֵׁיין גֶעזָאגְט, דִי קִינְדֶער אִיז זִי מֶער מְכַבֵּד פוּן מַיין טַאטֶע, וַוייל דִי טֶערֶעפִּי הָאט אִיר אָנְגֶעזָאגְט אַזוֹי.

מַיין טַאטֶע הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע יוּגְנְט, אוּן אַנְשְׁטָאט אַז נָאךְ דִי חֲתוּנָּה זָאל אִים בֶּעסֶער וֶוערְן, אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער.

אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ דַארְף נִישְׁט אַלֶעס זֶען, אָבֶער אִיךְ קֶען נִישְׁט וֶוערְן בְּלִינְד. לְמָשָׁל בַּיי אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה, וֶוען מַיין מַאמֶע מַאכְט אַוֶועק מַיין טַאטֶע, וָואס זָאל אִיךְ טוּן? אִיךְ וֶוער מַמָּשׁ פַארְפְרוֹירְן, אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען זַאכְן צוּם טִישׁ, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט אַן עֵצָה פַאר מִיר?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

קִינְדֶער טָארְן זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אוּן נֶעמֶען אַ צַד וֶוען עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ, קִינְדֶער דַארְפְן מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן - זָאל זַיין וָואס זָאל נָאר זַיין.

אִיר מִיט אֵייעֶר חָכְמָה זָאלְט מְכַבֵּד זַיין אֵייעֶר טַאטֶע; אִיר זָאלְט אִים פְרֶעגְן זַאכְן וִוי אַזוֹי צוּ טוּן אוּן וָואס צוּ מַאכְן, עֶר זָאל שְׁפִּירְן וִוי אַ טַאטֶע, עֶר זָאל שְׁפִּירְן וִוי מֶען מַאכְט אִים נִישְׁט אַוֶועק. אוֹיךְ זָאלְט אִיר מְכַבֵּד זַיין אֵייעֶר מַאמֶע; אִיר זָאלְט בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן נֶעמֶען אַ צַד, אִיר זָאלְט זֵיי בֵּיידֶע מְכַבֵּד זַיין.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי זָאגְט (יְרוּשַׁלְמִי קִידּוּשִׁין א, ז): "גָּדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם", עֶס אִיז אַזוֹי גְרוֹיס דִי מִצְוָה פוּן מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע, "שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אוּנְז, זַייט מֶער מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע וִוי דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מְכַבֵּד טַאטֶע מַאמֶע, וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען שְׂכַר אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פֵּאָה א, א): "אֵלּוּ דְּבָרִים שֶׁאָדָם אוֹכֵל פֵּירוֹתֵיהֶן בָּעוֹלָם הַזֶּה, וְהַקֶּרֶן קַיֶּמֶת לוֹ לָעוֹלָם הַבָּא, כִּיבּוּד אָב וָאֵם וְכוּ'", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְט שְׂכַר פַאר דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם סֵיי אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁלַח תשפ"ב)

BreslevCenter.com\answers

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קמג)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זָאגְט דֶער רֶבִּי אַ לַאנְגֶע תּוֹרָה וָואס צִיעֶט זִיךְ פַאר פִיר שָׁעָה.**

**תקיח**

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי לַאנְגֶע תּוֹרָה, אִיז עֶר דִי גַאנְצֶע צַייט גֶעוֶוען אִין אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת, זַיין הֵיילִיגֶע גֶעזוּכְט אִיז גֶעוֶוען רוֹיט אוּן גֶעשַׁיינְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע פְלַאם.

אִינְמִיטְן דִי לַאנְגֶע תּוֹרָה זָאגְט דֶער רֶבִּי דָארְט אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גֵיין אַלְץ הֶעכֶער מִיט זַיין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה פוּן אֵיין מַדְרֵגָה צוּ דִי צְוֵוייטֶע, יֶעדֶעס מָאל וֶוערְט עֶס בֶּעסֶער אוּן בֶּעסֶער, בִּיז אַ מֶענְטְשׁ קֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגָה, עֶר קֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי פְּלַאץ וִוי דִי תּוֹרָה אִיז בֶּאֱמֶת "תּוֹרַת ה'" דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בִּיכּוּרִים, פֶּרֶק ג', הֲלָכָה ג'; יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פֶּרֶק א', הֲלָכָה ב') "אֲנִי קִיַּמְתִּיהָ תְּחִלָּה", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז עֶר אַלֵיין הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה נָאךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן וִוי חֲזַ"ל רֶעכֶענֶען אוֹיס (סוֹטָה י"ד. בְּרָכוֹת ו'.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין אִיז מְקַיֵּים דִי מִצְוֹת פוּן דִי תּוֹרָה; אוּן דִי תְּפִלָּה אִיז אֱמֶת'דִיג "תְּפִלַּת ה'", וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ז'.) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין דַאוֶוענְט, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָה נ"ו, ז') "וְשִׂמַּחְתִּים בְּבֵית תְּפִלָּתִי". וֶוען אַ אִיד קוּמְט אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה, צוּ וֶוערְן נִכְלָל אִינֶעם אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, דֶעמָאלְט וֶוערְט זַיין תּוֹרָה - דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן זַיין תְּפִלָּה - דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס תְּפִלָּה אַלֵיין.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אַז מֶען דַארְף קוּמֶען צוּ אַזָא שְׁטַארְקֶע בִּיטּוּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מֶען זָאל קֶענֶען זָאגְן "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנַי".

**תקיט**

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִין דִי תּוֹרָה אַז אַלֶע קוֹלוֹת זֶענֶען עַזּוּת, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶעלֵייגְט אַז אוֹיךְ דֶער קוֹל פוּן דִי מַטְבֵּעוֹת וָואס קְלַאפְּן בַּיים גֶעבְּן צְדָקָה, אִיז אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן עַזּוּת דִקְדוּשָׁה.

**תקכ**

שַׁבָּת פַּרְשַׁת נֹחַ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, אִיז גֶעוֶוען אַ שַׁבָּת פַאר דִי חֲתוּנָּה פוּנֶעם רֶבִּי'ן טָאכְטֶער מִרְיָם, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט דִי פָארְשְׁפִּיל, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אַ גַאנְצְן טָאג. דִי טֶענְץ וָואס מֶען הָאט דֶעמָאלְט גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען קֵיינְמָאל פַארְדֶעם נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי אִים, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן כִּמְעַט אַ גַאנְצְן שַׁבָּת. אַסַאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן הָאט מֶען גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן יֶענֶעם שַׁבָּת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זַייעֶנְדִיג אָנְגֶעגַארְטְלְט בְּלוֹיז מִיט אַ פַאטְשֵׁיילֶע פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה. בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעסְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן גוּט גֶעדֶענְקֶען דֶעם שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דֶעמָאלְט אַז אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן יֶענֶעם יָאר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן טוֹיזְנְט רֶענְדְלֶעךְ פַאר אַלֶע זַיינֶע אוֹיסְגַאבְּן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען עֶרְגֶעץ אוֹיף אַ פְּלַאץ, אוּן עֶר הָאט דָאךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ תּוֹרָה, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט דָארְט גֶעזָאגְט זֵייעֶר הוֹיכֶע תּוֹרָה, אִיז עֶר אַהִינְגֶעגַאנְגֶען הֶערְן דִי תּוֹרָה, אָבֶער עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אַ שׁוֹמֵר בַּיים טִיר וָואס הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְלָאזְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע טוֹיזְנְט רֶענְדְלֶעךְ אַז עֶר זָאל אִים יָא אַרַיינְלָאזְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע יֵצֶר הָרָע אוֹיף דִי טוֹיזְנְט רֶענְדְלֶעךְ, עֶס נִישְׁט צוּ גֶעבְּן פַארְ'ן שׁוֹמֵר, אוּן עֶר קֶען אֲפִילוּ דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ דָארְט.

לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר יָא גֶעגֶעבְּן דִי טוֹיזְנְט רֶענְדְלֶעךְ אוּן אִיז עֶר אַרַיין דָארְט אוּן גֶעהֶערְט דָארְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, אוּן מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דִי תּוֹרָה "חוֹתָם בְּתוֹךְ חוֹתָם", אִיז פוּן דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט דָארְט גֶעהֶערְט. עֶס אִיז אָבֶער נָאר גָאר אַ קְלֵיינֶע פְּרַאצֶענְט פוּן דִי תּוֹרָה, אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן וָואס עֶר הָאט דָארְט גֶעהֶערְט.

**תקכא**

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר י"ד, כ') "וַיֹּאמֶר ה' סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ", וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "כּוֹסִי", אוּן עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען וואוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן אוֹיף דֶעם, מֶען הָאט אָבֶער נָאר גֶעדְרוּקְט רָאשֵׁי פְּרָקִים פוּן דִי תּוֹרָה (אִין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קע"ז).

<<<<<<

<<<<<< לעבנס געשיכט פון רבי'ן

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶעמָאלְט גֶעעֶנְדִיגְט זָאגְן קַדִּישׁ נָאךְ זַיין מַאמֶע, און דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט אוֹיךְ פון דֶעם אִין דִי תּוֹרָה, וִוי עֶר דֶערְמַאנְט דָארְט דֶער נוּסַח פון קַדִּישׁ "יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא".

**תקכב**

דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען דֶעמָאלְט בַּיים רֶבִּי"ן, קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן און אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן, "אַשְׁרֵי עַיִן רָאֲתָה זֹאת", ווָאוֹיל זֶענֶען דִי אוֹיגְן וָואס הָאבְּן דָאס גֶעזֶען און מִיטְגֶעהַאלְטְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטְרִינְקֶען אַבִּיסְל וַויין לְכָבוֹד דִי שִׂמְחַת הַחֲתוּנָּה וָואס וֶועט פָארְקוּמֶען אִינְמִיטְן דִי וָואךְ, און עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אָן אוֹיפְהֶער. אִינְמִיטְן טַאנְצְן הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶעלַיינְט אוֹיף ר' יוּדְל און הָאט אַזוֹי גֶעטַאנְצְן. מֶען הָאט גֶעזִינְגֶען דֶעמָאלְט אַן עֶרְנְסְטְן נִיגוּן, אַ שְׁטַייטֶע הִתְעוֹרְרוּת'דִיגֶע נִיגוּן, וִוי דֶער סֵדֶר אִיז גֶעוֶועןְלִיךְ גֶעוֶוען פון הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן צוּ טַאנְצְן אוֹיף אַן הִתְעוֹרְרוּת נִיגוּן. עֶס אִיז בַּאקַאנְט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דֶער נִיגוּן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזִינְגֶען, דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז מִיט דֶעם נִיגוּן רוּפְט מֶען אַרָאפּ דִי נְשָׁמוֹת פון גַּן עֵדֶן, מֶען רוּפְט אַרָאפּ דִי נְשָׁמוֹת פון דִי צַדִּיקִים אִין דִי מִשְׁפָּחָה וָואס לֶעבְּן שׁוֹין נִישְׁט, דָאס מֵיינְט דִי נְשָׁמוֹת פון דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים; זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, זַיין זֵיידֶע רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זי"ע, און זַיין מַאמֶע דִי צַדֶּקֶת, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה.

**תקכג**

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ בַּיי יֶענֶעם שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט אַז וֶוער עֶס קֶען טְרִינְקֶען וַויין, קֶען עֶר מִיט דֶעם מְכַפֵּר זַיין אוֹיף עֲבֵירוֹת, עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אַז אַ גוּטֶער אִיד טוּט אַ טְרִינְק וַויין, קֶען עֶר מוֹחֵל עֲווֹנוֹת זַיין", און דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע תּוֹרָה (זֶע פְרִיעֶר אִין סִימָן תקכ"א).

**תקכד**

מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אוֹיפְגֶעטוּן אַז עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאנוּצְט מִיט זְכוּת אָבוֹת, און דָאס וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל (זֶע פְרִיעֶר אִין סִימָן ר"צ), אִיז גֶעוֶוען גָאר גֶעוֶוען אַ טוֹבָה פַאר זֵיי.

**תקכה**

נָאךְ שַׁבָּת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן מִיט רֶבִּי נָתָן, אִינְאֵיינֶעם מִיט נָאךְ פִילֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, און אוֹיךְ מִיט דִי מִשְׁפָּחָה, צוּ דִי חֲתוּנָּה וָואס אִיז גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט וָואלְטְשִׁיסְק, וָואס אִיז בְּעֶרֶךְ הוּנְדֶערְט דְרַייסִיג קִילָאמֶעטֶער פון שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פון סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# חומש סעודה אין תלמוד תורה היכל הקודש וויליאמסבורג

דעם זונטאג קרח איז פארגעקומען די שיינע "חומש סעודה" אין די ברסלבע חדר אין וויליאמסבורג, די זיסע קינדערלעך פון כיתה א' האבן געפייערט דעם פרייליכן מסיבת "חומש סעודה", ווען זיי האבן זוכה געווען צו ענדיגן לערנען די הייליגע עברי, און זיי הויבן שוין אן לערנען אין די הייליגע חומש.

די הערצער פון די פילע עלטערן, זיידעס און באבעס, וואס זענען זיך געקומען משתתף זיין ביים שיינעם חומש סעודה זענען געווען איבערגעפילט מיט ווארעמקייט און נחת זעענדיג די זיסע ריינע נשמה'לעך מיט די קרוינדעלעך אויף זייערע קעפעלעך זינגען אזוי זיס און הארציג די הייליגע ניגונים, און זאגן די הייליגע פסוקים פון פרשת ויקרא, ווי דער מנהג איז ביים מעמד התחלת חומש.

דער חשובער מלמד הר"ר נחמן ניישטיין שליט"א האט גערעדט און ארויסגעברענגט די גרויסע שמחה אז מען האלט שוין דא ביים ענדיגן לערנען די הייליגע עברי, ער האט באדאנקט די חשובע עלטערן וואס האט אזוי שיין מיטגעארבעט א גאנץ יאר מיט די קינדער און גע'חזר'ט מיט זיי די הייליגע עברי, ווי אויך האט ער גערעדט איבער די וויכטיגקייט זיכער צו מאכן אז יעדעס קינד קען גוט די עברי, וואס דאס איז ממש דער יסוד ער זאל קענען אויפוואקסן אן ערליכער איד. דערנאך האט דער מנהל הר"ר מרדכי אינדיג שליט"א אויפגעטרעטן מיט עטליכע ווערטער, און ביים סוף האט דער ראש ישיבה שליט"א געטיילט פאר די טייערע קינדער זייער "ערשטע אייגענע סידור", וואס זיי האבן איבערגענומען מיט גרויס פרייד.

די ברסלב'ע תלמוד תורה איז באקאנט פאר אלעמען אז דארט לייגט מען דער עיקר דגוש אויף אויסלערנען די קינדער "אמונה", אז אמונה זאל נישט זיין נאך א זאך וואס זיי ווייסן, און מען נעמט עס נאר ארויס איין-צוויי מאל א יאר ווי למשל פסח ביינאכט, אדער פורים נאכמיטאג, נאר אז זיי זאלן לעבן מיט'ן אייבערשטן, די אמונה זאל זיין ביי זיי קלאר און זיכער, זיי זאלן אויפוואקסן פון די יונגסטע עלטער וויסנדיג אז דער באשעפער איז ממש דא מיט זיי אייביג און איבעראל, ווי אויך לייגט מען א געוואלדיגע געוויכט אז די קינדער זאלן וויסן זייער חשיבות אז זיי זענען געבוירן געווארן אלס אידן, און האבן באקומען די הייליגע תורה פונעם אייבערשטן, און נאר אויב מען פאלגט דעם אייבערשטן קען מען האבן א גוטע לעבן, אפילו אויף דער וועלט.

אין דעם תלמוד תורה געט מען שטארק אכטונג אז די קינדער זאלן אויפוואקסן געזונט אויך בנפש, ווי יעדער מלמד גיבט אכטונג נישט צו פארשעמען קיין קינד. מען לערנט אויס די קינדער וויאזוי מען לעבט מיט אנדערע מענטשן זיך רעכענען מיט א צווייטנ'ס געפילן. מען איז מחנך די קינדער מיט שמחת המצוות, מען פארציילט פאר די קינדער אזעלעכע מעשיות פון צדיקים וואס רעדן צו קליינע קינדער, און מען לערנט זיי אויס אז אויך זיי קענען זיין א צדיק, און קענען וואקסן ערליכע אידן.

ברוך השם, עס זענען ארויסגעקומען הערליכע פירות, עס זענען שוין דא פילע אינגעלייט תלמידים פון די הייליגע תלמוד תורה, אינגעלייט וואס זענען יראי השם, וואס לעבן מיטן אייבערשטן, און פירן ערליכע אידישע שטיבער על דרך ישראל סבא.

**אין העולם מתקיים אלא בזכות הבל תינוקות של בית רבן!**

***

# נייע היכל הקודש קאנטרי "אילן החיים" אפגעקויפט

פרייליכע נייעס קומט אריין די וואך, איבער די אפקויף פון א נייעם קאנטרי "אילן החיים" פאר אנשי שלומינו פאר'ן זומער, וואס געפונט זיך נעבן דעם שטעטל ברסלב אין ליבערטי.

אין די לעצטע פאר יאר טרעפט מען זיך יעדן זומער אינעם זעלבן פראבלעם, די שטעטל ווערט איבערגעפילט מיט אזויפיל אנשי שלומינו וואס קומען אויף זומער, און עס פאלן ארויס פילע משפחות וואס ווילן קומען אויף זומער צו זיין אינאיינעם מיט אנשי שלומינו, ווייל עס איז נישטא קיין פלאץ וואו צו זיין אין שטעטל, וואס איז שוין אזוי אויך היבש איבערגעפילט.

צוליב דעם האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך יעצט אריינגעווארפן אין דעם נייעם פראיעקט אפצוקויפן א קאנטרי אין די געגנט פון שטעטל, אלעס פאר דעם איינעם צוועק אז אנשי שלומינו זאלן האבן א ריינעם ווינקל צו לעבן מיט'ן אייבערשטן מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

אין א בריוו צום אינגערמאן וואס איז געשטעלט געווארן אלס גבאי אינעם נייעם קאנטרי שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א, "איך טראכט צו רופן די נייע קאנטרי מיט'ן נאמען "אילן החיים", מוהרא"ש האט ארויסגעגעבן א ספר מיט'ן נאמען אילן החיים. מוהרא"ש ברענגט אינעם ספר די השתלשלות ווי אזוי עס איז אריבער דעם רבינ'ס זאך פון איין תלמיד צום צווייטן. דער הייליגער רבי האט איבערגעגעבן פאר רבי נתן, רבי נתן האט איבערגעגעבן פאר זיין תלמיד רבי נחמן טולטשינער, ער פאר זיין זון רבי אברהם בן רבי נחמן, און נאכדעם פאר הרב החסיד רבי לוי יצחק; דאס איז די ראשי תיבות פון 'איל"ן', א בוים פון לעבן. דאס איז פאסיג פאר א ברסלב'ער קאנטרי, וואס מען זיצט אונטער די ביימער און מען לעבט. דער רבי געבט אונז לעבן, דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן ד): "כשתסעו וישאלו אתכם מה פעלתם תאמרו 'רוח'", מען וועט ענק פרעגן וואס האט איר מקבל געווען ביי מיר, זאלט איר זאגן 'רוח חיים', לופט צום לעבן.

געב איבער פאר אלע משפחות וואס קומען אז ביי אונז אין קאנטרי קען מען נאר שווימען בצניעות, מיט א שווים קלייד, אויך זאלסטו איבערגעבן מען זאל נישט איינקויפן פאר טייער – קליידער פאר די קינדער. ביי אונז קוקט מען בכלל נישט אויף די וואס געבן אויס געלט פאר קליידער, א שאד צו אויסגעבן געלט פאר די זאכן."

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט עס זיין א שיינע געשמאקע זומער, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, מען וועט זיך מחזק זיין אינאיינעם מיט די עצות פון הייליגן רבי'ן.

**ההרים והגבהות יפצחו לפניכם רנה!**


## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

## פאליצייי אין ישיבה

**אביסל היסטאריע פון די בראשית יארן אין ישיבה, ווען שלעכטע מענטשן האבן נאר געוואלט פארמאכן די ישיבה אויף אלע וועגן**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 2, 35**


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **ישראל פוקס** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**


**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

< BreslevCenter.com >